בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת שלח תשפ"ו | שבת מברכין | אבות פרק ג | גליון 845 [שנה י"ח]

**פארוואס האט נאר כלב שטיל געמאכט די מרגלים?**

וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ כִּי יָכוֹל נוּכַל לָהּ: (יג ל) שטייט וַיַּהַס כָּלֵב אֶת הָעָם, פארוואס האט נאר כָּלֵב שטיל געמאכט און נישט יהוֹשֻׁעַ, און שפעטער שטייט וִיהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן וְכָלֵב בֶּן יְפֻנֶּה וגו' קָרְעוּ בִּגְדֵיהֶם: וַיֹּאמְרוּ אֶל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הָאָרֶץ אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בָהּ לָתוּר אֹתָהּ טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד: (יד ו) דא האט כָּלֵב יא גערעדט מיט יהוֹשֻׁעַ? נאר דער ענין איז, ווייל עס שטייט (י"א כ"ז) אז אֶלְדָּד וּמֵידָד האבן געזאגט נבואה: מֹשֶׁה מֵת וִיהוֹשֻׁעַ מכניס, ממילא האט יהוֹשֻׁעַ מורא געהאט אויב ער וועט שווייגן די מרגלים און זאגן עָלֹה נַעֲלֶה מען גייט קיין א"י, וועלן די מרגלים זאגן אז יהוֹשֻׁעַ וויל גיין ווייל ער וויל אז משה זאל שטארבן און ער וועט ווערן מנהיג, דעריבער האט יהוֹשֻׁעַ געשוויגן, אבער שפעטער האט יהוֹשֻׁעַ געזען אז די פאלק גלויבן די מרגלים, דא האט ער שוין גערערעדט צוזאמען מיט כָּלֵב. (כלי חמדה לאניידו מובא בספר חמדה גנוזה באשריבן אין דעם גליון)

**פון דעם פסוק פארשטייט מען א משנה אין פסחים**

שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים וְיָתֻרוּ אֶת אֶרֶץ כְּנַעַן: (יד ב) זאגט רש"י שְׁלַח לְךָ. לְדַעְתְּךָ, אֲנִי אֵינִי מְצַוֶּה לְךָ, אִם תִּרְצֶה שְׁלַח. קומט אויס אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה אויב דו שיקטס זיי וועט דאס זיין בגדר פון שלוחי רשות און נישט שלוחי מצוה, ממילא דער כלל פון שלוחי מצוה אינן ניזוקין וועט נישט זיין ביי זיי, ממילא וועלן זיי דארפן רחמים אז זיי זאלן נישט נכשל ווערן אין זייער שליחות, דאס מיינט רש"י אִם תִּרְצֶה שְׁלַח, זיי וועלן זיין שלוחי רשות, און ווען משה האט דאס געהערט האט ער מורא געהאט אויף יהוֹשֻׁעַ ער זאל ח"ו נישט נכשל ווערן דעריבער שטייט אין (פסוק טז) וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ, און רש"י ברענגט פון מדרש תנחומא און גמ' (סוטה דף לד ע"ב) הִתְפַּלֵּל עָלָיו, קָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים, משה האט מתפלל געווען אויף אים, מיט דעם מהלך קען מען שיין מסביר זיין די משנה אין (פסחים דף סה ע"ב) וועלכע זאכן זענען דוחה שבת ביי שחיטת קרבן פסח, האלט די ת"ק אז צליית והדחת קרביו אינן דוחין את השבת, און רבי אליעזר האלט אז זיי זענען יא דוחה שבת, קומט רבי יהושע און ברענגט א ראי' פון יו"ט אז מלאכה איז מותר און שבות איז אסור דעריבער זאל צליית פסחים נישט דוחה זיין שבת, שטייט אין די משנה וז"ל א"ל ר"א מה זה יהושע מה ראיה רשות למצוה ע"כ און די דרך פון א תנא איז צו מקצר זיין, אויב אזוי פארוואס זאגט ר"א מה זה "יְהוֹשֻׁעַ", ווען ער רעדט צו אים וואלט געדארפט נאר שטיין א"ל ר"א מה זה מה ראיה רשות למצוה? נאר ר"א האט דאס מרמז געווען "יְהוֹשֻׁעַ" פארוואס האט מען צוגעלייגט א יו"ד צו הושע ווייל עס איז געווען א שלוחי רשות און נישט שלוחי מצוה, האט משה געמוזט מתפלל זיין און אים גערופן יְהוֹשֻׁעַ, דעריבער זאגט ר"א אז פון דיין נאמען "יְהוֹשֻׁעַ" זעהט מען אז עס איז א חילוק פון רשות צו מצוה, ממילא "מה זה מה ראיה רשות למצוה" זעהסט אז עס איז דא א גרויסער חילוק פון רשות און מצוה. (חיים ושלום הרה"ק ממונקאטש בעל מנחת אלעזר)

**ארץ ישראל איז אונזערס אדער ירושת אבות?**

אִם חָפֵץ בָּנוּ ה' וְהֵבִיא אֹתָנוּ אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת וּנְתָנָהּ לָנוּ: (יד ח) לכאורה איז שווער פארוואס דארף שטיין אִם חָפֵץ בָּנוּ ה', ווען דער אויבערשטער האט צו געזאגט צו אברהם אבינו לזרעך אתן את הארץ הזאת? אויך איז שווער וואס איז די לשון וּנְתָנָהּ לָנוּ, אודאי וועט ער אונז דאס געבן? נאר עס איז א חילוק אויב מען באקומט א"י אין זכות אבות אדער מען באקומט עס וועגן זכות עצמי, אויב מען באקומט א"י בזכות אבות הייסט דאס די לאנד פון די אבות, אבער אויב מען באקומט עס אין אייגענעם זכות הייסט דאס אונזער לאנד, דאס קען זיין פשט אִם חָפֵץ בָּנוּ ה', ווייל מען איז מקיים תורה ומצוות, און וְהֵבִיא אֹתָנוּ אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת, צוליב דעם האט ער אונז דאס געגעבן, איז דאס וּנְתָנָהּ לָנוּ, עס הייסט אונזער לאנד, און נישט ירושת אבות. (שארית מנחם דאנאטה)

**פארוואס שטייט צווי מאל אז דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה?**

וְכִי תִשְׁגּוּ וְלֹא תַעֲשׂוּ אֵת כָּל הַמִּצְוֹת הָאֵלֶּה אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' אֶל מֹשֶׁה: אֵת כָּל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֲלֵיכֶם בְּיַד מֹשֶׁה מִן הַיּוֹם אֲשֶׁר צִוָּה ה' וָהָלְאָה לְדֹרֹתֵיכֶם: (טו כב כג) לכאורה איז שווער אז עס זעהט אויס א כפל הלשון, ווייל עס שטייט אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' אֶל מֹשֶׁה, אז דער אויבערשטער האט גערעדט צו משה, אויב אזוי פארוואס שטייט נאכאמאל נאכדעם אֵת כָּל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֲלֵיכֶם בְּיַד מֹשֶׁה, אז דער אויבערשטער האט דאס באפוילן דורך משה? נאר רש"י זאגט אז דער פסוק וְכִי תִשְׁגּוּ מיינט אויב די אידן וועלן דינען עו"ז, וואס לכאורה איז שווער ווי אזוי וואלטן די אידן דאס געקענט טאן, ווען זיי האבן געהערט ביי בארג סיני לא יהיה לך אלהים אחרים, זענען זיי נישט קיין שוגג? נאר עס שטייט אין חז"ל אז ביי די חטא העגל האט משה געהאט די טענה אז לי צוית, נאר צו מיר האט דער אויבערשטער באפוילן, ולא להם, און נישט צו די אידן, דאס קען זיין פשט אין פסוק, אז די תורה האט דאס געווארנט פאר די אידן, אויב איר וועט מיינען אז דינען עו"ז איז א שוגג ווייל אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' אֶל מֹשֶׁה: דער לא יהיה לך אז דער אויבערשטער האט נאר גערעדט צו משה און נישט צו די אידן, זאגט די תורה, אֵת כָּל אֲשֶׁר צִוָּה ה' אֲלֵיכֶם בְּיַד מֹשֶׁה, אז נאכדעם וואס דער אויבערשטער האט באפוילן משה, האט משה דאס איבער געזאגט צו די אידן אין נאמען פון אויבערשטן, ממילא וועט איר דארפן א סליחה וכפרה אויף עו"ז און איר וועט נישט זיין א שוגג. (הרי בשמים ר' יעקב יוסף גינז)

**ידיעות וועגן פריערדיגע ספרים** ""חמדה גנוזה" עה"ת". [פרק לד]

דער מחבר איז הרבני רב אליעזר ב"ר זאב וואלף רוזנפעלד, ער האט איבערגעדרוקט אסאך אינטערעסאנטע פארוואָרפענער ספרים, ער האט אויסגעקליבן שיינע מאמרים פון ספר כלי חמדה און געמאכט א ספר פון תורות הגאון רבי שמואל לניידאו וואס איז דעמאלט געווען א יקר המציאות, און עס איז ערשט געדרוקט געווארן לעצטנס אין א שיינע דרוק, כמהר"ר שמואל לנייאדו זלה"ה איז געווען מגדולי חכמי צפת אין תקופת פון מרן הבית יוסף, דפוס ראשון איז געווען ווינצי' שנת בדש"ן און דפוס שני פראג ש"ע, אויפן שער שטייט "ספר חמדה גנוזה כולל מבחרי מאמרים מהספר היקר כלי חמדה עה"ת מהגאון המפורסים מהר"ש לאנייאדו זצ"ל. וליקוטים יקרים מגאונים וצדיקים, דברים המשמחים לב ומאירי עיניים כסדר הפרשיות" נדפס בפאדגורזע קראקא תרס"ג,



## מדור העובדות

## דער הייליגער צדיק ר' אברהם מקערעסטיר איז ממשיך זיין טאטן און העלפט אידן חוץ לדרך הטבע*****

הרה"ק רבי ישעיה מקערעסטיר זצוק"ל איז געבוירן געווארן שנת ברי"ת צו זיין הייליגער טאטע רבי משה און מרת הענטשע מרים זצוק"ל, ער איז געווען באוואוסט אלץ א פועל ישועות און האט אויך געהאלפן אסאך גוים מיט ישועות און זיי האבן אלע מכיר טובה געווען פאר אים, און נישט איינמאל פלעגט ער נעמען ביי די גוים וואס זענען געהאלפן געווארן תבואה און פירות פאר זיין באוואוסטער קאך. ג' אייר תרפ"ה איז רבי ישעיה נסתלק געווארן און זיין הייליגער זון, הרה"ק ר' אברהם, א בן יחיד, איז געווארן זיין ממלא מקומו.

הרבני ר' נפתלי ווייסבערג פון פאטיק האט דערציילט אז אין שנת תרפ"ה גלייך נאך די פטירה פון זיין טאטן ווען ר' אברהם האט שוין געפירט, איז ר' אברהם נאכן דאווענען ארויס געגאנגען פון בית המדרש מיטן גבאי ר' אלימלך פישמאן, וואס איז אויך געווען דער גבאי פון רבי ישעי', און מיט החסיד ר' יוסף שאלגוי פון פעסט און ר' הירש גרינשטיין, און זיי האבן געשמועסט צוזאמען, ווען פלוצלינג קומט צו לויפן אנקעגן זיי א גוי וואס איז געווען דער הויפט שופט פון שטאט מאדע אין אונגארן, און גריסט ר' אברהם און נאכדעם הויבט ער אן צו וויינען ביטערליך אז ער פלעגט קומען צו זיין טאטן און האט אים שטענדיג געהאלפן און יעצט איז ער אין א עת צרה און בעט אויב דער רבי קען אים יעצט אויך העלפן?

רבי אברהם בארוהיגט אים און זאגט אז ער זאל דערציילן זיין פראבלעם, און דער גוי הויבט אן אז היות ער איז דער הויפט שופט אין מאדע און פארשטייט זיך אז צו זיין א שופט איז נישט גרינג ווייל ווען מען איז מחייב איינעם ווערט יענער זוכן צו נוקם זיין אין מיר, און בפרט אין מאדע וואוינען אסאך נידעריגע פויערים וואס זענען פעלד ארבעטארערעס, און קענען ווערן ווילד, אבער מיט זיי קען איך זיך א עצה געבן, אבער ליידער וואוינען דארט אויך אסאך ציגאיינערם וואס זיי קענען אויך מאכן כישוף.

לעצטענס איז געווען א משפט מיט איינער פון די ציגאיינערם און איך האט אים מחייב געווען, עס איז אריבער א צייט און אלעס איז געווען שטיל און איך האב געהאפט אז עס וועט בלייבן שטיל, אבער איין טאג איז געווען א חגא ביי אונז און מיר האבן געמאכט א סעודה אינדערהיים, און פלוצלינג קומט אריין א פרוי פון די ציגאיינער, וואס אלע האבן געוואוסט אז זי איז א כישוף מאכער און עס איז מיר געווארן שלעכט אויפן הארץ וויסנדיג אז יעצט וועט זיין א צרה, און זי הויבט אן צו שרייען און זי גייט צו מיין ווייב און מאכט מיט די הענט אויף איר, און האט געמאכט כישוף אויף מיין ווייב, און איך האט נישט קיין מנוחה פון איר, אבער היינט אינדערפרי איז זי געווארן ווילד און האט געסטראשעט מיר און די קינדער, און איך האב אוועק געפירט מיינע קינדער פון שטוב, און יעצט קום איך צום ראבינער ער זאל מיר ראטעווען, און האט שטארק געוויינט אויף זיין צרה!

רבי אברהם האט געטראכט אביסל און האט זיך אנגערופן: איך קען דיר העלפן מיט איין תנאי, אז דו וועסט מיר היינט שיקן א גאנצער וואגן אנגעפילט מיט קארטאפל פאר די ארעמלייט פון קערעסטיר, און דער גוי האט צוגעזאגט, און רבי אברהם האט געהייסן דעם גבאי ר' אלימלך פישמאן שרייבן א שטר מיטן גוי אז ער איז זיך מתחייב דאס צו טאן, און דער גוי האט געחתמעט, דעמאלט האט רבי אברהם געגעבן א ברכה אז ווען די קארטאפל וועט אנקומען קיין קערעסטיר וועט דער גוי זעהן א שינוי לטובה ביי זיין ווייב און ענדע וועט זי אינגאנצן אויסגעהיילט ווערן.

דער גוי האט צוגעזאגט און זיך געזעגנט פון רבין און איז שנעל אהיים געפארן און אנגעפאקט א וואגן מיט קארטאפל און געשיקט זיין בעל עגלה קיין קערעסטיר, דער גוי האט תיכף געזען אז זיין ווייב איז שוין מער רוהיג, און טאקע אין אפאר טעג ארום איז זי אויסגעהיילט געווארן, און דער גוי איז געקומען קיין קערעסטיר און געדאנקט רב אברהם און אים געגעבן א שיינע מתנה, און פון דעמאלטס אן איז ער געווען א אפטע גאסט אין קערעסטיר, און פלעגט גיין אויפן ציון פון רב ישעי' און געבעטן מיט בכיות וואס ער האט געדארפט, און פלעגט אייביג דערציילן דארטן און צו זיינע ידידים די מופת וואס ער האט געהאט מיט רב אברהם און דאס האט געשאפט א קידוש השם.

### געקויפט בענזין און געהאט א זון

הרבני ר' יעקב דוד אבעלעס פון ווייטצן האט דערציילט אז איינמאל איז רבי אברהם דורכגעפארן דער שטאט ווייטצן מיט זיין טעקסי און מען האט געדארפט נעמען גאז האט מען זיך אפגעשטעלט ביי א גאז סטאנצי', און ביז דערווייל האט זיך שנעל צושפרייט די נייעס אז רבי אברהם זער דער קערעסטירער רבי איז דא אין שטאט, און עס איז געווארן א אנלויפעניש מיט מענטשן וואס האבן געדארפט ישועות, רבי אברהם איז געזעצן אין טעקסי און האט יעדן אויסגעהערט און גענומען זייער קוויטל מיט פדיון און אנגעוואונטשן, איין איד האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער און געוויינט פארן רבין און דערלאנגט זיין קוויטל מיטן פדיון.

רבי אברהם גיט א שמייכל און רופט זיך אן צום איד, איך בין דא געקומען קויפן בענזין הייסט דאך גאז, נו,, מאכט מען א געשעפט איר צאלט פאר די בענזין, און דער אויבערשטער וועט דיר באצאלן מין א בען זין בעזר השי"ת, דער איד טראכט נישט א מינוט און נעמט זיך אונטער און באצאלט די גאנצע געלט פארן בענזין, און טאקע ער איז געהאלפן געווארן מיט א בן זכר, ברוך צדיק גוזר ומקיים הקב"ה הבטחתו. (בתי אבות פרידלענדער)


הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

ספר עם הקדשת הגה"ק מגאלאנטא זצוק"ל $2500 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת וחותמת הר' עזריאל הידסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' חיים יעקב ב"ר יהודה דוב פיינשטיין היה שד"ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר' צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 סעט ישמח ישראל אלכסנדר דפו"ר נדיר $1500 ספר מדרש תלפיות שהיה שייך להרה"ק ר' יעקב ישכר בער מסלאטפינא בן הרה"ק ר' מאיר מקרעטשניף בן הרה"ק ר' מרדכי מנדבורנא חתימתו $1500 סידור אור הישר שייך להרה"ק ר' אלעזר שפירא אדמו"ר מסאנוק $1500 ספר אמרי יהודה מברעזאן עה"ת דפו"ר $1000 חי' הרמב"ן שייך להגה"ק מקלויזנבורג זצוק"ל $3500, ספר דינים ומנהגים לביהכ"נ דחברת אחים ברעסלויא תקצ"ג לא ידוע $2000 דולר מכסף 1926 מידיו של הרבי מלובאוויטש $6000 חומש ויקרא סלאוויטא עם חתימת הרה"ק ר' חיים מקאסוב בעל תורת חיים $55000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2000 תהלים שאמר בו הרה"ק ר' שלמה מבאבוב כל חודש אלול תשנ"ח $15000 טלית קטן של הבית ישראל מגור $18000 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 רזיאל המלאך שייך להגאון ר' משה סופר אב"ד טיסע פעריד ור' שלמה הכהן שטראססער ור' משה זיכערמאן $1000 מכתב האמרי אמת מגור מבקש מש"ב לעזור לחתן אחיו ומברכו בעשירות $3500 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, דולר שנתן ובירך האדמו"ר מטאש לחתן הבאבא סאלי $2000 מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא $1800 סידור כוונת הרש"ש של אדמו"ר מהוסיאטין $18000 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2500 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2500 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 טשעק חתום מבעל ישועת משה מוויזניץ $700, צוואת ר' אהרן הגדול טשערנאוויץ תרט"ז To receive the pardes: $1000, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:30,

pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *www.seforimworld.com*